# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וירא תשפ"ה שנה י | גליון מס' 556

ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### אפשר וועלן זיי תשובה טון - אין די לעצטע רגע

**"וַיֹּאמֶר ה' אִם אֶמְצָא בִסְדֹם חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם בְּתוֹךְ הָעִיר וְנָשָׂאתִי לְכָל הַמָּקוֹם בַּעֲבוּרָם" (יח כו)**

דער רבוש"ע זאגט פאר אברהם אבינו דער לשון "אִם אֶמְצָא" אז טאמער וועט ער טרעפן א צדיק אין דעם שטאט.

דער לשון עתיד פון - טאמער מען וועט טרעפן - איז אביסל שווער - דער רבוש"ע ווייסט דאך שוין יעצט אויב עס איז דא צדיקים צי נישט.

**געט רבי אייזיק אזבענד - דער ראש הישיבה פון טעלז קליוולאנד צו פארשטיין:**

אויפ'ן פסוק (יט כד): "וה' המטיר על סדם ועל עמרה גפרית ואש" זאגן די הייליגע חכמים די פאלגענדע ווערטער (מכילתא בשלח פרשה ח): "אם עשו תשובה, הרי מטר, ואם לאו - גפרית ואש" (וכן תרגם יונתן שם).

מיט דעם מכילתא פארשטייט מען דער לשון 'אם אמצא'. דער רבוש"ע זאגט פאר אברהם אבינו אז עס קען זיין אז יעצט איז נישט דא קיין צדיקים אין סדום אבער אפשר וועט זיין אזאנע וואס אין די לעצטע רגע וועלן זיי תשובה טון, דער "אִם אֶמְצָא בִסְדֹם חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם" גייט ארויף אויף די בעלי תשובה, אויב עס וועט זיין בעלי תשובה - וועט נישט אראפגיין די מטר אויף סדום.

'לקח דעת'

### אייביג איז דא אויף וואס צובעטן

**"וַיַּעַן אַבְרָהָם וַיֹּאמַר הִנֵּה נָא הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר אֶל ה' וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר" (יח כז)**

**האט דער צדיק רבי שמואל מסוכטשוב, בעל ה'שם משמואל' געזאגט:**

אז מען איז זיך מתבונן אין די תפילה פון אברהם אבינו אויף די אנשי סדום זעט מען דא א מורא'דיגע זאך. אברהם אבינו הייבט אן בעטן אז הקב"ה זאל רחמנות האבן אויף אים מצד הדין טענה'נדיג מיט'ן פסוק (יח כה): "השופט כל הארץ לא יעשה משפט".

נאך דעם וואס ער זעט אז מצד הדין גייט עס נישט איז ער זיך נישט מייאש - ער הייבט אן בעטן אויף לפנים משורת הדין - ער זאגט פאר הקב"ה איך בין אויך גארנישט און ווי דער פסוק זאגט "ואנכי עפר ואפר" און ער לייגט צו אז אויך ער האט געדארפט זיין עפר ואפר דורך די מלכים ווי רש"י ברענגט אראפ און נאר די מידת טובך פון הקב"ה האט אים מציל געווען און ער בעט די זעלבע אויף סדום.

פירט אויס דער 'שם משמואל' אז דאס לימוד איז א מורא'דיגער מוסר השכל פאר אונז אז אייביג קען מען דאווענען אויך ווען עס קומט זיך נישט - ווייל מען מעג זיך קיינמאל נישט מייאש זיין פון א תפילה און ווי זיין לשון איז: "ובזה תוכחת מוסר לכל איש לבל יתייאש מלהתפלל, אף שמצא את עצמו שאינו כדאי, מכל מקום יאמר לנפשו הלוא חטאתי עוויתי פשעתי לפניך השם יתברך מיום היותי על האדמה, ומכל מקום רחמיך הרבים עמדו לי, אם כן, כך מדתך עמי מעולם לרחם אותי אף על פי שאיני כדאי, עשה גם היום עימי ושמע תפלתי".

'שם משמואל' תרע"ג

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### קריטישע צען מינוט - וועלכע מאכן אויס אזויפיל

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר אז אברהם אבינו האט מתקן געווען די תפילה פון שחרית. חז"ל לערנען עס ארויס אין מסכת ברכות [דף ו. ע"ב] פון דער פסוק אין די וואכענדיגע פרשה (בראשית יט כז): "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל הַמָּקוֹם **אֲשֶׁר עָמַד שָׁם**" ווייל אין עמידה אלא תפילה.

מען לערנט ארויס פון דא אז אברהם אבינו האט מתקן געווען די תפילה פון שחרית אבער אז מען איז מדייק אין די ווערטער זעט מען דא נאך א דערהער. מען זעט אז מיט די ווערטער וואס די תורה נוצט לערנט אונז די תורה אויס א יסוד אין לעבן. ווען די תורה רעדט פון שחרית רעדט ער פון א השכמה, ער נוצט די לשון פון השכמה, ווי דער פסוק זאגט: "**וישכם** אברהם בבוקר..." ווייל די השכמה איז א נישט א הידור אדער א תוספות, עס איז דער וועג ווי אזוי מען דאווענט שחרית.

מיר לערנען עס פון אברהם אבינו אבער עס איז במציאות אויך אזוי. ווען מען וועט זיך מתבונן זיין וויפיל מען דערלייגט פון שפעטיגן צו שחרית וועט מען איינזען דער גרויסער פארלוסט וואס עס שלעפט נאך איר.

אז א איד שפעטיגט צו ברכות צופרי דערלייגט ער צוואנציג ברכות. עס איז א וועלט, אפילו אויב ער וועט זיי שוין זאגן וועט עס זיין צודרוקט און נישט מיט די גאנצע ברען - ווייל ער האט נישט די צייט דערצו.

אין די ביסל צייט וואס עס איז אים איבערגעבליבן דארף ער אניאגן צו לייגן טלית, תפילין, צו מאכן די ברכות און צו זאגן דער סדר הקרבנות.

אסאך מאל ווען מען שטייט אין די זייט און מען קוקט זיך צו ווי אזוי אידן מוטשענען זיך מיט דעם ווערט און דאס הארץ ווערט פארקלעמט. אין די ביסל צייט דארף מען אניאגן אזויפיל און דאס איז אויסער די הפסד וואס מען דערלייגט אז מען קען נישט זאגן ברכת התורה בחברותא.

נישט אומזינסט לויבט די משנה אויס דער אויפשטייער צו שחרית, דער משכים, אז זיין קרן איז קיים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, ווייל דורך איר קען מען ארייננכאפן די ברכות.

די נקודה דארף אריינגיין שטארק אין אונזערע ביינער. א איד דארף וויסן אז א לכתחילה'דיגע שחרית גייט צוזאמען מיט א ברכת השחר כהלכה און דאס קען נאר זיין אז מען פעדערט זיך צוקומען אין שול באצייטנס.

אז מען האט א וויכטיגע אפויטמענט מאכט מען זיכער צו זיין דארט באצייטנס. מען קומט געגוג פרי און מען איז דארט צען מינוט פריער ווייל מען נישט שפעטיגן. עס איז אזוי ביי א בשר ודם און עס דארף זיכער אזוי זיין ווען מען האט א באגעגעניש מיט דער מלך מלכי המלכים.

דער קומען פרי איז א חלק פון אונזער שחרית. מיר וועלן עס מקיים זיין און דורכדעם זוכה זיין צו פועל'ן אלעס גוטס.

**מיט א קריאה פון "אשרינו שאנו משכימים"!**

**שבת שלום ומבורך,**

יעקב דוב מארמארשטיין

## א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

די פאלגענדע סיפור איז געשריבן געווארן לויט די סיפור וואס ווערט געברענגט אין ספר 'אגרת קץ חי' [עמוד יב] וועלכע עס האט געשריבן רבי ישראל נתן בראקשטיין דער רב פון די שטאט פיסטין - דער זון פון רבי חיים יוסף מפוסטין דער בעל תוספות חיים - און אייניקל פון רבי יצחק חיות דער בעל זרע יצחק אויף משניות - די ספר איז געדרוקט געווארן אין די שטאט טשערנאוויץ - אוקראיינע - אין יאר תרכ"ב

ער האט נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאר אבער נאך א לאנגע צייט זוכן האט ער פארשטאנען אז דער רבי באהאלט זיך פון אים. מיט אן אראפגעלאזטע קאפ האט ער פארלאזט דער בית החיים.



די ארון הקודש אין די איבערגעבויטע שול אין די שטאט דראהביטש אין אוקראיינע.

פון די גרויסע גדולי התורה וואס האבן געלעבט אין יענע צייט איז געווען דער גאון רבי יצחק חיות זצ"ל.

זיין גאונות האט גע'שמ'ט איבערל סיי בנגלה און סיי בנסתר.

פאר לאנגע יארן האט ער געדינט אלץ דער רב פון די שטאט סקאלע אין גאליציע. דער גרויסער פני יהושע דרוקט זיך אויס אויף אים אין די הסכמה אויף זיין ספר: "הרב הגאון הגדול המפורסם בדור... שכבר יצא לו מוניטין בעולם".

מערערע חיבורי תורה האט דער גאון געשריבן במשך זיין לעבן. די חיבורים זענען טיפע און ארומנעמענד אנקומענדיג צו אלע סוגיות התורה. נישט אלע ספרים האט ער זוכה געווען צו דרוקן בחייו, די מערהייט פון דעם איז געדרוקט געווארן לאחר פטירתו.

פון די באקאנטע ספרים ביים כלל ישראל איז זיין פירוש 'זרע יצחק' אויף משניות. אויך די פירוש איז ארויסגעקומען לאחר פטירתו און זיין זון אליעזר האט עס געשריבן. אין די הקדמה וואס דער זון שרייבט איז ער מעיד אז דער פאטער איז געקומען צו אים פון עולם האמת און אים אונטערגעיאגט צוענדיגן זיינע חיבורים און עס ארויסגעבן לאור עולם.

אין די שפעטערע יארן האט ער אויך ארויסגעגעבן פון אים א פירוש אויף תהלים.

דורכאויס זעקס יאר פון זיין לעבן איז רבי יצחק זצ"ל געווען א סגי נהור. אויך אין די יאר האט ער ממשיך געווען מיט זיין הרבצת התורה ביז ווען ער האט צוריקבאקומען זיין ראיה אדאנק א מעשה וועלכע ווערט געשילדערט באריכות אין די ספר 'אגרת קץ חי' און די מעשה איז געווען לפלא.

מערערע וואונדערליכע מעשיות ווערט דערציילט אין די ספר. איינס פון די געשיכטעס איז געבינדן מיט די שטאט דראהביטש וואו ער האט געוואוינט אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן.

אין יענע שטאט האט אויך געוואוינט א רייכער איד מיט'ן נאמען שמואל בינס. א סוקסעספולער געשעפטסמאן איז רבי יצחק געווען אבער אויך א גרויסער בעל צדקה. ער פלעגט געבן געלט פאר עניים און אויך געשטיצט די תלמידי חכמים פון די שטאט אז זיי זאלן קענען זיצן על התורה ועל העבודה אומגעשטערט.

צו א באזונדערע שטיצע האט זוכה געווען דער רב רבי יצחק חיות. ווען דער רב האט זיך גענוטיגט אין עפעס און ער האט געלאזט רופן רבי שמואל בינס און אים געבעטן געלט האט ער געגעבן מיט א ברייטע האנט. דער רב האט אים שטארק מכיר טובה געווען פאר דעם און כל ימיו האט ער אים געבענטש מיט אלע ברכות.

ווען דער רב האט געשפירט אז זיין סוף איז נאנט האט ער געהייסן פאר די ארומיגע אז מען זאל לאזן רופן דעם רבי שמואל. גלייך ווי נאר רבי שמואל האט געהערט אז דער רב רופט אים איז ער געקומען צו לויפן.

## — די 'מצבה' וואס איז פארשווינדן געווארן —

"איך האב פאר דיר א שטארקע הכרת הטוב". האט דער רב אים געזאגט מיט זיינע לעצטע כוחות.

"וועגן דעם וויל איך דיר זאגן אז ווען דו וועסט דארפן עפעס - זאל זיין וואס עס זאל נאר זיין - קענסטו אייביג קומען צו מיין קבר און איך וועל דיר אויס'פועל'ן א ישועה".

א גערירטער פון די אפענע ברכה איז רבי שמואל ארויס פון צימער. א שטיק צייט שפעטער איז דער רב טאקע אוועק פון די וועלט. מען האט אים געלייגט אין די ארטיגע בית החיים און רבי שמואל האט גוט געדענקט די הבטחה, ווען ער האט זיך גענוטיגט אין א ישועה, האט ער זיך נישט געפוילט און איז אריבער צום ציון הק' און דער צדיק האט מקיים געווען זיין הבטחה - יעדע זאך וואס ער האט געבעטן האט ער גלייך באקומען.

אן ערליכער איד איז רבי שמואל געווען אבער מיט די יארן איז ער ליידער קאליע געווארן און האט זיך גע'חבר'ט מיט די גוים און זיך געטשעפעט מיט די אידן. עס איז געווארן אן אפטע ערשיינונג אז ער האט גע'מסר'ט אידן פאר די רעגירונג אדער זיי אנגעטון ציפקע צרות. די אידן האבן זיך קעגנגעשטעלט אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער געניסט פון א שמירה עליונה, קעגן יעדע זאך וואס ער האט געהאט מיט איר א שוועריגקייט איז ער ארויף צום ציון הק' און מתפלל געווען אויף איר און גלייך געזען א ישועה.

ווען דער מצב איז געווארן אומדערטרעגליך האבן די ראשי הקהילה געטראכט פון אן עצה וואס מען קען טון. נאך לאנגע בארατונגען האבן די ראשי הקהילה ארויסגעשיקט א מנין צום ציון פון רבי יצחק חיות און דארטן דערציילט איבער די מעשים פון שמואל בינעס.

עס איז געווען אין יענע צייט ווען שמואל האט זיך פארפלאנטערט מיט די רעגירונג אבער זייענדיג רואיג מיט זיך אז ער וועט עס אויס'פועל'ן ביים ציון הק' האט ער זיך אראפגעלאזט צום ציון הק' אבער דאסמאל האט די וואונדער פאסירט - ער האט געזוכט דעם ציון הק' אבער ער האט עס נישט געקענט טרעפן.

ער האט נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאר אבער נאך א לאנגע צייט זוכן האט ער פארשטאנען אז דער רבי באהאלט זיך פון אים. מיט אן אראפגעלאזטע קאפ האט ער פארלאזט דער בית החיים.

אנקומענדיג אהיים האט אים די פאליציי אפגעווארט און ארעסטירט און אזוי ארום איז די קהילה לויז געווארן פון אים און פון זיינע צרות וואס ער האט געמאכט פאר די קהילה.

## די מעלה פון עניית אמן

# — יעדע 'אמן' איז ווערד צען זהובים —

חז"ל זאגן אונז (חולין פז א) **אז די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים. עס ווערט גע'פסק'נט אז אויב איינער כאפט אויס א ברכה פון א צווייטן דארף ער אים צאלן צען זהובים.** (וכך נפסק בשו"ע חו"מ שפב א).

דער רבנו תם איז מחדש (תוספות ב"ק צא ב ד"ה וחייבו) אז ווייל חכמים האבן געזאגט (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" איז דער שכר פון אן עונה אמן לכל הפחות ווי דער מברך און ווייל די פרייז פון א ברכה איז צען זהובים איז אויך די פרייז פון אן אמן צען זהובים.

ער פירט אויס אז וועגן דעם ווען מען רופט ארויף א איד צו די תורה און א צווייטער כאפט אים איז דער אויסכאפער פטור צו באצאלן ברכה געלט - ווייל מיט'ן ענטפערן 'אמן' קען ער אויך אנקומען צו די זעלבע זאך און ער האט אים בעצם נישט גורם געווען קיין נזק.

דער רא"ש ברענגט אראפ דער געדאנק (חולין ו ח) און זאגט אז עס איז געווען א מעשה אז א איד האט איינגעלאדענט א צווייטער איד ער זאל דינען אלץ מוהל אבער א צווייטער איד האט אויסגעכאפט די מוהלות און שפעטער תובע געווען יענער איד צו דין תורה זאגנדיג אז ער האט אים מפסיד געווען די ברכה אבער דער בית דין האט אים נישט געהייסן באצאלן - ווייל ער האט אים נישט מפסיד געווען די ברכה - ווייל די צען זהובים וואלט ער געקענט האבן פון ענטפערן 'אמן'.

## עס וואלגערן זיך ארום אוצרות אונטער אונזערע פוס

מיט דער געדאנק זאגט דער רב פון די שטאט אלעד רבי מרדכי מלכא אז מיר דארפן צולייגן קאפ צו די אוצרות וואס וואלגערן זיך ארום אונטער אונז. דער חשבון איז פשוט, אויב יעדע אמן איז ווערד צען זהובים - קומט אויס אז אויב מיר וועלן יעדן טאג ענטפערן ניינציג אמנ'ס האבן מיר קונה געווען ניין הונדערט זהובים. אז מען וועט עס דאפלען מיט דרייסיג טעג [ א גאנצער חודש] וועט מען אנקומען צו זיבן און צוואנציג טויזנט זהובים און צו א יאר צו דריי הונדערט און פיר צוואנציג טויזנט זהובים.

עס גייט ווייטער אז ווער עס וועט מקפיד זיין זיבעציג יאר פון זיין לעבן צו ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנ'ס וועט אנקומען צו צוויי און צוואנציג מיליאן אמנ'ס.

אפילו אז מען זאל זאגן אז די שכר פון אן אמן גייט נישט לויט זהובים נאר לויט דאלער - צי איז דא איינער וואס וועט מוותר זיין אויף אזעלכע גרויסע סכומים.

אז מיר וועלן וויסן צו שעצן די אמנ'ס וועלן מיר אנקומען זייער ווייט און פארדינען אסאך אמנ'ס.

(אספקלריא כרך 134 [יום הכיפורים תשע"ח] עמ' פא).

## באצאלט אויפ'ן פלאץ 50 זהובים פאר 5 אמנ'ס

די פאלגענדע מעשה האט פאסירט אין די צייטן פון דער בן איש חי:

אין די שטאט באגדאד האבן געוואוינט צוויי אידן וואס זענען געווען שותפים אין געשעפטן. אין א טאג האבן זיי ביידע געהערט אז אין די צווייטע עק שטאט איז דא א פרוי וואס פארקויפט אלטע קליידער פאר שפאט ביליג. טראכטנדיג אז זיי וועלן קענען טרעפן דארט מציאה'ס זענען זיי אראפ אהין.

גייענדיג אויפ'ן וועג האט זיי דער שמש פון די שול אפגעשטעלט און דערציילט אז עס פעלט זיי א צענטער פאר א קדיש און געבעטן צי זיי קענען משלים זיין די מנין. איינער פון זיי האט געזאגט אז ער יאגט זיך, אז ער האט נישט קיין צייט פאר דעם, דער צווייטער איז געבליבן.

ווען די קדיש האט זיך געענדיגט איז דער צווייטער אריבער צו יענעם ארט און זוכנדיג צווישן די אלטע קליידער האט ער נאר געטראפן די רעשטלעך וואס זיין חבר האט איבערגעלאזט. נישט וועלענדיג אהיימגיין פון דארט מיט ליידיגע הענט האט ער אפגעקויפט די לעצטע שמאטעס. אהיימקומנדיג האט ער גענישטערט ארום די סחורה ווען מיטאמאל בליצט אויף ביי אים עפעס - ער האט געטראפן אין די שטיקל סחורה א דימאנט שטיין.

צופרידן מיט די מציאה איז ער אריבערגעלאפן צום דימאנט סוחר פון די שטאט. דער סוחר זעענדיג דער שטיין האט אים געזאגט אז דאס איז ווערד אסאך געלט. אויפ'ן ארט האט ער אים געגעבן פופציג זהובים.

אהיימקומנדיג מיט די פופציג זהובים האט זיין פרוי גע'טענה'ט אז מען האט אים אפגענארט - אז די שטיינער זענען ווערד אסאך מער.

דער איד איז געווארן איבערגעצייגט אז זיין פרוי האט רעכט אבער איידער ער האט געוואלט צוריקציען פון דעם מקח איז ער אריבער צום שטוב פון דער בן איש חי און אים געפרעגט וואס איז די הלכה. דער בן איש חי האט געהערט די גאנצע מעשה און זיך געגעבן א רוף אן אז דאס געלט האט ער מן הדין - ווייל עס איז אים געקומען פופציג זהובים - לויט די דערמאנטע מעשה.

"בעסער אז דו זאלסט נישט מערער זיין אויף דיין שכר - ווייל דאס איז דאך קלאר פון הימל.

('אהבת חיים' פר' חיי שרה).


# "ויקרא שם בשם ה'"

"אל תיקרי 'ויקרא' אלא 'ויקריא', מלמד, שהקריא אברהם אבינו לשמו של הקדוש ברוך הוא בפה כל עובר ושב"
(סוטה י א).



## מיר שליסן זיך אן אין די מהפיכה

טייערער איד!
שליסט זיך אן אין די מהפכה און זייט אויך פון די הונדערטע אידן וואס זענען מזכי הרבים און קומען צופרי אין שול און הערן די ברכת השחר פון די מתפללים.

זיך אנצושליסן פולט אויס אן אפליקאציע אויף די 'נדרים פלוס' מאשינען און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט אייך און שיקן וואס איר דארפט פארדעם.

צווישן די וואס וועלן אויספולן אן אפליקאציע וועט פארקומען א גורל אויף עסן וואוטשערס אין סומע פון 2000 שקל אין די 'יש חסד' סופערמארקעט נעץ.



# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### אמן – איז א סגולה פאר נשיאות חן

"וַיֹּאמַר... אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ" (יח ג)

דער מגיד רבי נח גד ווינטרויב האט געזאגט:

די ווערטער "אִם נָא מָצָאתִי" איז ראשי תיבות אמן. מיט דעם וויל די תורה מרמז זיין אז ווער עס איז מקפיד צו זאגן אמן איז זוכה צו א נשיאות חן בעיני ה', אפילו אז ער האט געזינדיגט ווי חז"ל זאגן שוין (תיקו"ז מ א): "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה".

עס איז דא וואס האבן גע'דרשנ'ט די הוראה לדורות: "ויאמר א-דני" - ווען א מענטש הערט א צווייטן בענטשן דעם שם ה' זיי מקיים וואס עס שטייט ווייטער:', "אם נא מצאתי" - ענטפער נאך אים אמן.

'נועם חן' [לרנ"ג ווינטרויב] עמ' ה; 'ויתילדו על משפחותם' עמ' רצה

### משלים זיין מאה ברכות אין שבת

"וַיִּטַּע אֵשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם ה' אֵ-ל עוֹלָם" (כא לג)

דער רב פון דיאנדיאש אין אונגארין **רבי אשר אנשיל יונגרייז**, האט גע'דרשנ'ט:

אין די וואכענטעג קען א מענטש אנקומען גרינג צו די מאה ברכות אבער שבת פעלט אים צוואנציג ברכות (ראה 'בית יוסף' או"ח מו). די חכמים געבן אן עצה אז מען קען משלים זיין די מאה ברכות מיט'ן עסן פירות און אנדערע זיסווארג.

עס קען זיין אז דאס איז מרומז אין דער ווארט "אשל" אז וועגן דעם האט אברהם אבינו איינגעפלאנצט אן אשל אז מען זאל קענען דארט מקיים זיין דער "וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם ה' אֵ-ל עוֹלָם" - ווייל מיט די ברכה אויף די פירות וועט מען משלים זיין די ברכות אין שבת.

א רמז דערצו איז דא אז דער ווארט "שבע" פון באר שבע איז ראשי תיבות: "עשרים ברכות שבת".

'זכור ושמור'

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די חשובע מערכת פון 'וכל מאמינים'

מיט עטליכע וואכן צוריק האט איר אראפגעברענגט אין אייער עלון די ווערטער פון דער פריערדיגער חכם רבי משה ב"ר יקר אין זיין ספר 'פתח עינים' [דף ז.] וועלכע וועלנדיג אראפגעבן די גרויסקייט פון ענטפערן אמן האט ער געגעבן אויף איר א משל פון זאלץ וואס מען מישט אויס אין א געקעכטס, אז אזוי ווי זאלץ העלפט ארויס דאס עסן און אן דעם איז די עסן נישט געשמאק - אפילו אז מען האט אריינגעלייגט אסאך כח אין די מאכלים איז אויך דער אמן - אז אפילו עס איז א קליינע ווארט איז עס משלים די ברכה - אפילו אז די ברכה איז א לענגערע ברכה.

זעענדיג דעם געדאנק האב איך געטראכט צו מיר צו צושטעלן די משנה אין מסכת עירובין [כו. ב] דארט זאגט די משנה "הנודר מן המזון מותר במים ובמלח" - אז ווער עס מאכט א נדר אז ער שיידט זיך אפ פון עסן מעג עסן וואסער מיט זאלץ. דער רשב"א אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין אז די סיבה אז וואסער מיט זאלץ מעג מען יא איז ווייל זיי ווערן נישט גערעכענט ווי קיין עסנווארג. די סיבה פארוואס זיי ווערן נישט גערעכענט ווי קיין עסנווארג איז ווייל עס איז נישט דער סדר אז מען זאל זיי עסן אליין.

איך האב געטראכט אז די זעלבע זאך קען זיין דא. די 'אמן' איז ווי זאלץ אבער זי אליין האט נישט קיין משמעות. נאר ווען זי קומט נאך א ברכה אדער נאך א קדיש האט זי א משמעות.

מיט א ברכה און א דאנק פאר די הערליכע גליון
**ישראל כהנא - נתניה**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



### דער הייליגער 'חזון איש'
#### טו בחשוון תשי"ד

דער הייליגער חזון איש רבי אברהם ישעיהו קארעליץ איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי שמריהו יוסף אין יאר תרל"ט אין א קליין שטעטל וואס האט געהייסן קאסאווא. פון זיינע פריע יונגע יארן האט זיך דערקענט אויף אים זיינע עילו'ש כשרונות אז מען אין זיין שטעטל האט מען נישט געקענט טרעפן א פאסיגער מלמד פאר אים, ער האט געמוזט גיין לערנען אין די פרעמד.

פאר עטליכע יאר האט ער געלערנט תורה פון זיין טאטע און שפעטער איז ער אריבער צו אן אנדערע שטאט.

דורכאויס די ערשטע וועלט קריג איז ער אריבער וואוינען אין די שטאט ווילנע. זייענדיג דארט איז ער נתקרב געווארן צו דער גאון רבי חיים עוזר גראדזשינסקי זצ"ל און צווישן די צוויי צדיקים איז אנשטאנען א שטארקע נאנטקייט.

ביסלעכווייז איז זיין נאמען נתפרסם געווארן אין ליטע און אויך אין פוילן. אין יאר תרע"א האט ער ארויסגעגעבן א קובץ פון זיינע חידושים אונטער'ן נאמען 'חזון איש' און פון דאן אן האט ער ארויסגעגעבן נאך ספרים, איין ספר נאך די אנדערע.

ווען ער האט עולה געווען קיין ארץ ישראל אין יאר תרצ"ג האט רבי חיים עוזר זצ"ל ארויסגעשיקט בריוון צו אלע חכמי ישראל אין ארץ ישראל אז עס קומט ארויף א גדול הדור און זיך באנוצט אויף אים מיט דער אויסדרוק "ארי עולה מבבל לארץ ישראל".

פאר גאנצע צוואנציג יאר האט ער געוואוינט אין ארץ ישראל. אין די ערשטע תקופה האט ער געוואוינט אין תל אביב און נאך דעם איז ער אריבער קיין בני ברק און פון דארט האט ער געפירט כלל ישראל אלץ דער פוסק הדור און מנהיג ישראל ווען זיין שטוב דינט אלץ א תל תלפיות פאר גאנץ כלל ישראל.

ליל שבת קודש פרשת לך לך אין יאר תשי"ד האט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה לבוראו אין די בלויזע עלטער פון 73 יאר.

נאך שבת האט מען אים געלייגט אין דער בית החיים אויף די זכרון מאיר געגענט אין בני ברק.

### מיט אלע כוחות – מיט די גאנצע כוונה

ווען מען פלעגט זאגן קדיש אין דער מנין פון דער חזון איש פלעגט זיך דער חזון איש אנלאנען אויפ'ן סטענדער און פארדעקן זיינע אויגן זייענדיג קאנצעטרירט איינגאנצן צו ענטפערן אמן. איינמאל האט זיך געמאכט אז מען האט געענדיגט דאווענען ביים חזון איש און קיין איינער האט נישט געזאגט קיין קדיש. דער חזון איש האט שוין געוואלט ארויסגיין פון צימער ווען איינער האט אנגעהויבן זאגן קדיש. ווען דער חזון איש האט געהערט ווי איינער זאגט קדיש איז ער נישט געבליבן שטיין אויף זיין ארט נאר זיך צוריקגעקערט צו זיין פלאץ און זיך אוועקגעשטעלט אויף זיין ארט און זיך קאנצעטרירט אין די קדיש זאגנדיג עס מיט די פולסטע מאס קאנציטראציע ווי עס פעלט זיך אויס פאר א קדיש. ('שאל אביך ויגדך' ח"ג עמ' רסו).